איבערגעבן פאר די קינדער און אייניקלעך פון אירע זיידעס און באבעס פון דער אלטער היים, און כסדר ארויסגעהויבן דער גלאנץ און פראכט פון דער אמאליגע לעבן, און דאס ווייטער ממשיך געווען מיט שטאלץ און פראכט, ואל תטוש תורך אמך.

## וזכנו לראות בנים ובני בנים

**מיט** מסירת נפש ממש האט די באבע זיך אפגעגעבן מיט אירע קינדער, זייענדיג זיי מחנך צו תורה און יראת שמים און עבודות הבורא, ווען אפילו אין די שווערסטע אומשטענדן האט זי נישט נאכגעלאזט פון איר הייליגע פליכט אויפצוציען א דור ישרים יבורך, קינדער וואס פירן זיך אויפן דרך הישר.

**אפי'** ווען זי האט געהאט קע"ה א בית מלא ברכת ה', א שטוב פול מיט קליינע קינדער, האט זי שטענדיג זיכער געמאכט צו מאכן צייט פאר יעדעס קינד באזונדער, יעדער האט זי געפירט ממש ווי א בן יחיד און ווי אן איינציג קינד. זי האט מיט יעדעם גערעדט באזונדער, אויסגעהערט, מחזק געווען, און אריינגעלייגט גאר א שטארקע חינוך וואס באגלייט אלע קינדער מיט זיסע זכרונות לאויט"א, און מען געבט דאס ווייטער איבער פאר די שפרודעלדיגע דורות בליעה"ר.

**ווען** די באבע איז געווען אן אלמנה ל"ע, האט זי גענומען אויף זיך די ארבעט סיי פון א מאמע און סיי פון א טאטע, אויספירנדיג איר שליחות באמנות, נישט ווערנדיג אפגעשוואכט אפילו אויף א רגע, נאר אנגעגאנגען מיטן גאנצן קראפט מחנך צו זיין אירע לעכטיגע דורות, פירנדיג זיי אויפן גלייכן וועג. צווישן אנדערע איז זי שטענדיג געווען אין פארבינדונג מיט די קינדער'ס מלמדים, זיך שטענדיג נאכגעפרעגט וויאזוי אלעס גייט, און צו די קינדער שטייגן און וואקסן ווי עס דארף צו זיין.

## עוסקים בתורה ובמצוות

**איר** גאנצער שטרעבן איז אלעמאל נאר געווען צו זען נחת ביי אירע קינדער, און אז זיי זאלן זיך פירן ווי עס דארף צו זיין, זי האט אריינגעלייגט

אין זיי א חינוך מיט איר גאנצער לייב און לעבן, מיט הארץ, נשמה, און געפיל, און זי זעלבסט איז געווען דער בעסטער מוסטער פאר זיי ווי אזוי א אידיש קינד דארף זיך צו פירן, מיט אירע נאבעלע און באשיידענע מעשים טובים מיט וואס זי האט זיך געפירט אין אלע אירע לעבנעס טעג. זי האט כסדר מתפלל געווען ביים באשעפער אז אירע קינדער און אירע דורות זאלן גיין בדרך הישר.

**די** קינדער און אייניקלעך האבן שטענדיג ארויף געקוקט אויף די באבע'ס התנהגות, האבנדיג ממש א לעבעדיגע מוסר ספר נאכצוגיין אין אירע וועגן. די באבע'ס חינוך און אייגענע התנהגות באגלייט אונז ווייטער אצינד אפי' ווען זי איז שוין נישט מיט אונז, און עס קומט כסדר ארויף אין געדאנק די באבע'ס עבודה מיט ערליכקייט און תמימות, מיטן גאנצן פארצייטישקייט געניי ווי אירע עלטערן האבן זיך געפירט.

**איר** גרעסטער שמחה און הנאה איז טאקע געווען, ווען זי האט געהערט ווי אן אייניקל האט זיך פארהערט עפעס, געמאכט א סיום מסכת, אדער סיי וועלכע תורה'דיגע אדער רחניות'דיגער דערגרייכונג, דאס האט איר ממש ווי צוגעגעבן א שטיק געזונט, און מ'האט באשיינפערליך געקענט זעהן ווי דאס איז ממש איר חיות.

**ווען** אימער מען פלעגט נאר אריינקומען צו איר אין שטוב, איז פון די ערשטע זאכן וואס זי פלעגט זיך שטענדיג נאכפרעגן געווען, וואס די קינדער מאכן?, וויאזוי זיי פירן זיך אויף?, און צו זיי זענען מצליח אין זייערע לימודים, א.א.וו. און שטענדיג פלעגט זי אנווינטשן פאר יעדעם מיט א ריינעם געוויסן: "גוטע קינדער"!

**זי** האט אלעמאל ארויסגעוויזן א ספעציעלער חשיבות פאר די קינדער און אייניקלעך וואס איז געווען תורתם אומנתם, זי האט דאס מורא'דיג מחשיב געווען און ארויפגעקוקט, און כסדר מחזק געווען מיט וואס זי האט נאר געקענט.

**די** זעלבע איז געווען אויך אין די עלטערע יארן ווען מען האט אמאל געדארפט עפעס פועלן, צו נעמען א געוויסע מאכל וכדומה, האט זי

ענדערשער מקבל געווען פון די וועלכע זענען געווען יושבי אהל, צוליב איר גרויס כבוד און רעספעקט וואס זי האט געהאט פאר תורה.

## והיית אך שמח

**די** אלע יארן ווען מען איז אריינגעקומען צו איר אין שטוב איז זי געווען אויפגעלייגט מיט א שמחת החיים און געהאט צו יעדן א גוט ווארט, זי פלעגט געבן אירע לאנגע ברכות פאר יעדן אייניקל באזונדער וואס איז געווען אויסגעגאסן מיט ליבשאפט און הארציגקייט, אזוי ארום איז זי געווען ווי א קוואל פון חיזוק פאר אלע אירע קינדער און אייניקלעך בליעה"ר.

**זי** האט מיט פרייד מיטגעהאלטן יעדע שמחה פון א קינד אדער אייניקל מיט א עקסטערע פארגעניגען, און טראץ דעם וואס עס איז געווען קע"ה אזויפיל שמחות איינס נאכן צווייטן, איז זי אנגעקומען צו יעדע שמחה מיט א באזונדערע פרישקייט און אויפגעלייגטקייט, ווי דאס וואלט געווען די ערשטע שמחה אין די משפחה, זיך צוקוקנדיג מיט פרייד ווי עס ציען זיך ווייטער די שיינע דורות על דרך הישן והמסורה ווי זי האט אלע יארן אריינגעבאקן אין אירע קינדער.

## חכמת נשים בנתה ביתה

**די** באבע איז געווען די אם הבנים שמחה פון דעם שיינעם פאַרצווייגטן דור וואָס זי האָט זוכה געווען אויפצושטעלן, און עס האט זיך אלץ געגאסן פון איר חכמה ומוסר. די קינדער און אייניקלעך זענען כסדר געקומען צו איה, און יעדן האָט זי אויפגענומען מיט א שמייכל און גוט וואָרט. ווען מ'איז אַרויס פון שטוב, האָט זי מקיים געווען מצוות לוי', און יעדן באַגלייט ביז די קאַר, ווי אויך האָט זי אַלץ געגעבן "שליח מצוה געלט". דערנאָך האָט זי דאָרט אינדרויסן צוגעוואַרט ביז ווען די קאַר איז אַוועקגעפאָרן.

**די** באבע איז געווען גאר א קלוגע פרוי, און גאר א פארשטענדליכע, מען האט געקענט שמועסן מיט איר איבער סיי וועלכער ענין, און מען האט זיך געקענט שואל עצה זיין מיט איר אויך אין געשעפטליכע ענינים, אויף וואס

זי פלעגט מיט איהר קלארן שכל הישר ארויסהעלפן און עצה'נען את הדרך אשר ילכו בו ואת המעשה אשר יעשון, אז מען זאל קומען צו די ריכטיגע החלטות.

**מערערע** אייניקלעך דערציילן ווי זיי האבן טאקע אויסגענוצט דער געלעגענהייט און איבערגעשמועסט מיט די באבע זייערע ביזנעס איינגעלעגנהייטן, און זייי האבן געזעהן גרויס הצלחה ווען זיי האבן זיך געפירט לויט אירע אנווייזונגען.

**עס** דערציילט א קינד, וואס האט מיט יארן צוריק געפענט א געוויסע געשעפט, און עס איז געווען שווערע צייטן אין אנהויב, האט דער באבע שטענדיג מחזק געווען, און געהאלפן דורכמאכן די שווערע צייט, זי פלעגט זאגן: "גיי גראד מיט א תמימות און ערליכקייט וועסטו בעז"ה מצליח זיין".

## ועל ידי אמירת תהלים

**א** קאפיטל פאר זיך איז געווען די באבע'ס תהלים זאגן. דאס איז געווען ביי איר גאר א געהויבענע עבודה, אריינלייגנדיג דערין געוואלדיגע כוחות, די באבע האט נישט פארפאסט קיין טאג פון זאגן תהלים, נאר אויסגעזאגט דעם גאנצן תהלים עטליכע מאל א וואך, און עס נאס געמאכט מיט אירע הייסע טרערן. כמעט אלעמאל ווען מען איז אריינגעקומען צו איר האט זי געהאט אפן דאס תהלים'ל.

**א** באזונדערע עבודה האט זי געהאט מיטן תהילים זאגן יעדן שבת קודש, ווען זי האט אויסגעזאגט דעם גאנצן תהילים ביום השבת, אפי' אויב ס'איז אנגעקומען שווער האט זי מיט מסירת נפש זיכער געמאכט עס צו ענדיגן וואך איין וואך אויס.

**בשעת** ווען די באבע האט געזאגט דעם תהלים, האט זי זיך אויסגעגאסן דאס הארץ לאבינו שבשמים, אינזין האבנדיג אלע אירע קינדער און אייניקלעך, אירע דורות ישרים ומבורכים איז איר שטענדיג געליגן אויפן זינען. און פאר זיי האט זי כסדר געדאווענט און געבעטן מיט אזא השתפכות הנפש, און אויס גע'פועל'ט מיט אירע הייליגע תפלות ישועות ורפואות און כל מילי דמיטיב פאר אלע אירע פילע יוצאי חלציה בליעה"ר.

## ובלילה שירה עמי תפלה לקל חיי

**עס** דערציילט איינער פון די קינדער איבער די זכורונות פון די קינדער יארן, ווי ס׳געדענקט זיך ווען אסאך מאל ווען מ׳איז אויפגעשטאנען אינמיטן די נאכט, האט מען צומאל געקענט זעהן די באבע וואס איז אויך פונקט אויפגעוועז צוליב דאס געוויין פון א קליין קינד וכדומה, ווי זי זיצט מיט איר תהילים אין דער האנט, צום ליכט פונעם נאכט לאמפ, און זי שעפשעט קאפיטל נאך קאפיטל.

**ווער** ס׳האט נאר אמאל געזעהן די באבע׳ס תהילים געדענקט גוט וויאזוי עס האט אויסגעזעהן, די בלעטער זענען געווען שטארק פארקנייטשט פון די אויסגעטרוקנטע טרערן וואס האט עדות געזאגט אויף דער השתפכות הנפש והנשמה פון איר איינגעטומער וואס האט אזויפיל טרערן פארגאסן איבער איר.



**די באבע אנגעטון אין בגדי שבת אויסגיסענדיג דאס הארץ ביי איר תהילימ׳ל**

## אשת חיל מי ימצא

**זי** האָט יעדן טאָג געדאַווענט אַלע תפלות, און גאָרנישט אויסגעלאָזט פונעם סידור. אינדערפרי ווען דער זיידע איז אַהיימגעקומען פון דאַווענען, האָט זי אים געפרעגט אויב מ׳זאָגט היינט "תחנון", וואָס אפילו דאָס האָט זי נישט אויסגעלאָזט פונעם סידור - אין א טאָג וואָס מ׳האָט דאָס געזאָגט. דאָס איז געווען טאָג-איין-טאָג-אויס, קיינמאָל האָט זי נישט פאַרפאַסט קיין תפלה, און אַלעס געזאָגט שטייט און פאַמעלעך כמונה מעות.

**ווען** די באבע איז געווען יונגער אין געווען פארפארעט מיט א גרויסע שטוב פון קינדער בליעה"ר, וואס דעמאלט האט זי ווי פארשטענדליך נישט אנגעקומען צו דאווענען, האט זי אבער שטענדיג געשעפשעט אין מאמע לשון צום הייליגן באשעפער אירע ווארימע תפלות.

**ווי** די קינדער דערציילן, געדענקן זיי נאך טאקע גוט ווי בשעת ווען די מאמע האט געוואשן די געשיר, אדער געטון אנדערע שטוב ארבעט האט זי שטילערהייט גערעדט צום אויבערשטן מיט איר אייגענער שפראך, און דערמיט האט זי אריינגעבאקן א געוואלדיגער חינוך אין די קינדער. דאך האט זי אבער יא שטענדיג געזעהן צו מאכן צייט פאר אמירת תהילים, און ווי זי האט עקלערט, איז תהילים עפעס וואס מען קען מפסיק זיין אינדערמיט צווישן איין קאפיטל אינעם צווייטן, אנדערש ווי ביי דאווענען שמו"ע וואס דאן קען מען נישט מפסיק זיין.

**שטענדיג** איז ביי די באבע געווען "שם שמים רגיל על פיה", עס געדענקט זיך מיט בענקשאפט ווי די באבע האט ארויסגעזאגט א ברכה מיט אזא דביקות און נעימות. א שיינע מנהג האט די באבע זיך איינגעפירט, אז איידער זי האט ארויסגעזאגט א ברכה פון מויל, האט זי געזאגט די ווערטער "ברוך הוא וברוך שמו", הערש נאכדעם האט זי געמאכט די ברכה מיט ערענסטקייט און כוונה.

## שבת הייליגער שבת

**אן** עקסטערע עבודה איז געווען די באבע׳ס ליכט צינדן יעדע פרייטאג

צו נאכטס. מיר געדענקען ווי די באבע פלעגט שטיין געבויגן ביי די הייליגע שבת ליכט און מאריך זיין גאר לאנג וויינענדיג בדמעות שליש, איינרייסנדיג ביים בורא כל עולמים דעם "וזכנו לראות בנים ובני בנים חכמים ונבונים אוהבי ה' יראי אלקים אנשי אמת זרע קודש בה' דבקים".

**די** באבע פלעגט אינזין האבן ביים ליכט צינדן אלע קינדער און אייניקלעך באזונדער, אויסבעטנדיג פאר זיי כל טוב וטוב. זי האט זיך פשוט נישט געקענט אפגעזעגענען פון די הייליגע עבודה. דאס איז צוגעגאנגען מדי שבת בשבתו, בשעת מיר קינדער און אייניקלעך שטייען פארגאפט צוקוקנדיג ווי די באבע רייסט איין ווי דאס וואלט געווען דאס ערשטע מאל וואס זי צינד ליכט.



באבי ע"ה ביים מאכן בארשט לכבוד פסח אינאיינעם מיט עטליכע קינדער שחי'

**איר** עבודה לכבוד שבת האט זיך נאך אנגעהויבן פון פריער, ארײנלײגנדיג גרויסע כוחות אין די הכנות צום הייליגן שבת, וואס זי האט נאר געטון לכבוד שבת ביים קאכן צו ביים באקן איז אלעס צוגעגאנגען מיט א דחילו ורחימו. "עס קומט דאך אזא ליבע גאסט, דער הײלגער שבת!!!".

**באזונדער** האט די באבע ארײנגעלײגט אן עבודה ביים באקן די חלות לכבוד שבת, ביי וועלכע זי האָט אַראָפּגענומען חלה מיט א ספעציעלן התרגשות, נאָכן זאָגן די ברכה מיט גרויס כוונה.

**די** קינדער געדענקן נאך גוט, ווי ווען זיי פלעגן אויפשטיין פרייטאג אינדערפרי זייענדיג קליינע קינדער אין מאנטריאל, האט מען שוין אלעמאל געטראפן די מאמע אײנקנעטן די חלות לכבוד שבת, ווען דערביי האט זי אויך געשעפשעט אירע תפילות צום הייליגן באשעפער.

## ואת עלית על כולנה

**די** באבע איז געווען א סימבאל פון א ערליכע אידענע, וואס האט געלעבט מיט א ריינע תמימות און פרומקייט אן קיין התחכמות און אויפגעקלערטקייט, זי האט געלעבט א העכערע לעבן און איז נישט געווען ארײנגעטון אין די עולם הזה׳דיגע נארישקייטן. אזוי אויך איז זי געווען א מוסטער מיט איר הסתפקות במיעוט אויף גאר א זעלטענער פארנעם, זי איז אלעמאל געווען צופרידן מיט וויפיל זי האט געהאט, און קיינמאל נישט געשפירט אז זי האט נישט גענוג, און זי האט דערמיט ריכטיג אפגעשפיגעלט די ווערטער פון די הייליגע משנה "איזהו עשיר השמח בחלקו".

**איר** גאנצער גאנצע לעבן איז געווען א לאנגע קייט פון פשטות און ענוה, זי איז געווען א אפגעהיטענע צניעות׳דיגע און באשיידענע פרוי וואס האט געהאט א ווארימקייט צו יעדער דבר מצוה און עס געטון מיט א חשק און מיט אן תמימות.

## בסבר פנים יפות

**זי** האט שטענדיג מקבל געווען שטענדיג א יעדע מענטש בסבר פנים יפות, זי האט אלעמען שטענדיג מכבד געווען, און אלעמאל האט זי געהאט א שמייכל און א גוט ווארט צו זאגן פאר יעדעם, און מיט איר כאריזמאטישער פערזענליכקייט איז איר שטענדיג געלונגען אריינצוברענגען אין איר גאנצער סביבה א פריילכע און אנגענעמע שטימונג, און אירע אייניקלעך און באזוכער האבן שטענדיג ארויסגעקוקט צו קומען צו איר אויף באזוכן פון וואס אלע האבן שטארק הנאה געהאט.

**זי** האט אייביג געהאט אזעלכע טרעפליכע ווערטער, מיט וואס זי האט כסדר אויף געלעבט די געמיטער, עס פלעגט זיין גאר איינגענעם צו זיין אין איהר סביבה. אלע וועלכע געדענקען איהר זענען מודה, אז ווען מען דערמאנט זיך נאר פון איהר, ברענגט עס נאר געשמאקע זכרונות.

## בכל צער וצער אני עמהם

**די** באבע ע"ה האט נישט געקענט צו קוקן צו צער פון אנדערע מענטשן, ווען א מענטש האט געהאט סיי וועלכע פראבלעם האט איהר דאס פערזענליך וויי געטוהן, ווען איינער איז נישט געזונט געווען, פלעגט זי ממש וויינען בדמעות שליש כאילו דאס איז געווען איהר אייגענע צער.

**אבער** ווען זי אליינס פלעגט האבן אייגענע צער און פראבלעמען, דעמאלטס פלעגט זי עס אוועק מאכן, אז עס איז גארנישט, און זיך קיינמאל נישט מתרעם געווען דערויף.

## כל כבודה בת מלך

**גאר** שטארק איז די באבע ע"ה איז געווען אויסגעצייכנט אינעם ענין פון צניעות, דאס האט פארנומען ביי די באבע א גאר חשוב'ער ארט, און זי האט געלייגט דערויף א גרויסן דגוש. די באבע האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע צניעות און מיט א זעלטענע באשיידנקייט, שטענדיג האט זי אויפגעפאסט אויף איר קליידונג, עס זאל זיין אויסגעהאלטן בתכלית הכשרות למהדרין מן המהדרין, ווי עס פאסט פאר די בנות ישראל הכשרות.

**ווען** עס איז געקומען צו צניעות האט די באבע קיינמאל געמאכט קיין פשרות, נאר געשטאנען על המשמר אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן אויפן לכתחילה'דיגסטן וועג, און דאס האט זי אריינגעבאקן אין אירע קינדער און אייניקלעך, וואס באגלייט זיי ווייטער אויף שטענדיג.

**עס** איז מערקווערדיג אז די באבע פלעגט גאר זעלטן ארויסגיין פון שטוב, וואס חוץ פון דעם וואס זי איז געווען מטופל מיט א שטוב פון קינדער; וואס דאס איז געווען איר הויפט ציל אין לעבן, און אין דעם איז געליגן איר גאנצער קאפ, מח, און מחשבה, צוצושטעלן אלעס פאר איר מאן מיט אירע קינדער, און זי איז שטארק נישט געליגן און נאכלויפן די גאס מיט אירע געווינסן, זי האט שטארק אפגעווייעכט דאס ארומלויפן שאפינג א.א.וו. האט זי זיך אויך אבער פשוט אפגעהאלטן פון איבריג ארויסצוגיין אויף דער גאס, פארווירקליכנדיג דערמיט דעם "כל כבודה בת מלך פנימה" ווי עס דארף צו זיין, און זי איז ממש נאר ארויס ווען עס האט באמת וויכטיג אויסגעפעהלט.

## ודור רביעי ישובו הנה

**די** באבע האט ב"ה זוכה געווען צו אן אריכות ימים ושנים און צו א שיבה טובה, זייענדיג בצלילת הדעת עד זיבולא בתרייתא. זי האט ב"ה דערלעבט צו זען פיל אידיש נחת דקדושה פון די קינדער, אייניקלעך, אור-אייניקלעך, און אור-אור-אייניקלעך.

**עס** מוז ארויסגעברענגט ווערן דער קידוש ה' וואס איז געשאפן געווארן אין די לעצטע ארום 20 יאר פון די באבע'ס לעבן, ווען אלע קינדער און אזוי אויך די אייניקלעך זענען איר געשטאנען צו דער האנט מיט א געוואלדיגער געטריישאפט, און ארויסגעהלפן שטענדיג מיט וואס עס האט זיך נאר אויסגעפעהלט סיי וועלכע צייט אין טאג, נישט קוקענדיג אויף גארנישט, נאר אז די באבע און זיידע זאלן זיך גוט געפינען.

**און** אוודאי איז נישט מעגליך צו גיין ווייטער אן צו דערמאנען די חשובע פעטער און מומע הרה"ח ר' ברוך מרדכי מארקאוויטש הי"ו ונו"ב שתחי', וועלכע האבן געוואוינט מיט די באבע אין איין הויז אין די לעצטע

צוויי-צענליג יארן, ווי די באבע האט אינאיינעם מיט איר חשוב'ן מאן הרה"ג ר' מאיר ז"ל אויסגעלעבט די יארן מיט כבוד און פראכט, און דאס איבערגעגעבענקייט האט זיי צוגעגעבן א שטיק געזונט, ווי דער זיידע ר' מאיר זעלבסט האט זיך אויסגעדרוקט פאר די פעטער און מומע אז דער געטריישאפט האט זיי פארזיסט אויסצולעבן די עלטערע יארן מיט א רואיגקייט. ס'איז זיכער אז די באבע וועט זיי נישט שולדיג בלייבן פאר דער זעלטענער געטריישאפט און פאר דער אפענער שטוב אין וואס זייער הויז איז פארוואנדעלט געווארן די אלע יארן, צו געבענטשט ווערן בכל הברכות האמורות בתורה.

**די** באבע האט מיט גרויס פרייד און מיט א מאור פנים צוגעזען ווי אלע יוצאי חלציה בני שלישים בני רבעים ובני חמשים פירן זיך אויפן ריכטיגן תורה'דיגן וועג, און דאס איז געווען איר גרעסטע פארגעניגן אין לעבן, און זיי זענען ווייטער ממשיך צו גיין אין די הערליכע שיינע וועגן וואס זי האט זיי שטענדיג געלערענט און אויסגעטרעטן פאר זיי אלע אירע יארן.

**די** באבע ע"ה האט דערמיט זוכה געווען צו ערפילן איר גרעסטן לעבנס וואונטש, און אויפגעשטעלט צוזאמען מיט אונזער חשובע און אומפארגעסליכן זיידן ז"ל, א זעלטן שיינעם פרעכטיגן דור וואס אסאך וואלטן זיך אזאנס געוואונטשן, א דור פון בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות לשם ולתפארת, כולם אהובים כולם ברורים, חסידים ואנשי מעשה, באַרימטע בעלי צדקה וחסד, עוסקים בצרכי ציבור באמונה, ומגדולי תמכין דאורייתא, צווישן זיי אויך אסאך חשובע מרביצי תורה און מלמדי תינוקות, והיתה מטתה שלימה ווען א יעדע איינציגסטע קינד און אייניקל שפאנט נאך מיט פעסטע טריט דעם אמאליגן אויסגעטרעטענעם וועג בעקבי הצאן וואס זי האט אונז כסדר געוויזן, געלערנט, און געמאנט.

**די** קינדער זענען, די חשובע פעטערס: הרה"ח ר' יוסף פנחס הי"ו, הרה"ח ר' ארון לייב הי"ו, הרה"ח ר' אברהם שלום הי"ו, הרה"ח ר' חיים הערש הי"ו, הרה"ח ר' שאול שמואל הי"ו, הרה"ח ר' יעקב הי"ו, הרה"ח ר' יחזקאל שרגא הי"ו, הרה"ח ר' נחמן הי"ו, הרה"ח ר' בערל הי"ו, און הרה"ח ר' אלעזר הי"ו, די טעכטער זענען די חשובע מומעס: מרת לאַנדאָ תחי', מרת קעניגסבערג תחי', מרת ראָזענטאַל תחי', מרת מאַרקאָוויטש תחי', און מרת שוואַרטץ תחי'.

## לספוד ולבכותה

**ויהי** היום, אין ויהי אלא לשון צעה, עס איז געווען מאָנטאָג פרשת ויצא ביינאַכט ה' כסלו ווען די באבע ע"ה האָט אויסגעהויכט איר נשמה ליוצרה ובוראה, אין הויכן עלטער פון 96 יאָה, לדאבון לב פון אלע קינדער און אייניקלעך וועלכע זענען געווען אזוי צוגעבינדן צו איר אלע יארן,

**א** גרויסער ציבור האָט באַגלייט דעם ארון ביי די לוי' וואס איז אַרויס דינסטג אינדערפרי פון ביהמ"ד דקיט"ל ד'סאַטמאַר אין וויליאַמסבורג אויף הופפער סט. די מספידים זענען געווען: הגה"צ אבדק"ק יאַוואָזשנע שליט"א. די חשובע פעטער'ס: הרה"ח ר' ברוך מרדכי מאַרקאָוויטש הי"ו, און הרה"ח ר' אשר זעליג ישעי' ראָזנטאַל הי"ו. די אייניקלעך הרה"ג רבי אלעזר מענדל פילעפף שליט"א ר"מ בישיבה קטנה דסאַטמאַר אין וויליאַמסבורג, און הרה"ח ר' יואל בהרר"מ זילבערשטיין הי"ו.

**דאַן** האָט מען אַריבערגעפירט דעם ארון ביים ביהמ"ד דקיט"ל ד'סאטמאר אויף ראָדני סטריט. וואו עס האָבן מספיד געווען די אייניקלעך: הרה"ח הרב נפתלי אלימלך ווייס הי"ו מנהל לבנות הספיה, הרה"ח ר' שלמה לייב עלנבויגן הי"ו און הרה"ח ר' יצחק מיכאל יאַקאָב הי"ו.

**מ'האָט** דערנאך געפירט דעם ארון קיין קרית יואל, וואו די לוי' איז אַרויס ביים ביה"ח. עס האָבן מספיד געווען: הגאון האדיר דומ"ץ קרית יואל שליט"א, הגה"צ רבי שמחה שלום שטיינבערגער שליט"א ר"מ בישיבה גדולה קרית יואל ורב דביהמ"ד דברי חיים דקהל יטב לב און דער פעטער הרה"ח ר' פנחס לאַנדאָ הי"ו.

**זי** איז דערנאָך געקומען למנוחתה אויפ'ן ביה"ח דקרית יואל, ביז ווען זי וועט אויפשטיין לקץ הימין ביי תחיית המתים בקרוב בימינו.

## תנו לה מפרי ידיה
## ויהללוה בשערים מעשיה!

# עפילאג

זאל דער בורא עולם העלפן, אז די אלע מעשים טובים פון אונזער טייערע זיידע און באבע און זייערע עלטערן ארויף זכרונם לברכה וואס איז דערמאנט געווארן אין דעם קונטרס, זאל אוודאי זיין א טובה פאר זייערע נשמות אין זייער לעכטיגן היכל אין גן עדן. און מיר, זייערע קינדער און דורות, זאלן ווייטער קענען פלעכטן די שיינע וועגן וואס זיי האט אונז געלערנט אן קיין שום פארענדערונג, און עס ווייטער קענען איבערגעבן פאר אונזער קינדער און אייניקלעך. און בקרוב זאלן מיר שוין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה בתחיית מתי כל ישראל, ווען מיר וועלן נאכאמאל צוריק פאראייניגט ווערן מיט זיי, במהרה בימינו אמן.